און דער טאטע איז דאס מבאר אין זיין הערה באותיות הקבלה וכו'.

ער איז אבער ניט מבאר א פשוט'ע קשיא וואס שטעלט זיך אויף דעם זהר: יעקב האט ניט געטרויערט אויף די שבע עשרה שנה ווען יוסף איז געווען צוזאמען מיט אים, אדרבה - ער האט געוואלט אז דאס זאל נמשך ווערן לאנגע יארן. ער האט געטרויערט אויף דעם וואס דאס איז געווען נאר י"ז שנה און דערנאך איז דאס נפסק געווארן און יוסף איז צוגענומען געווארן פון אים.

איז אינגאנצן ניט פארשטאנדיק: וויבאלד אז די שבע עשרה שנה של יוסף זיינען געווען שנים טובות (ווארום ער איז געווען צוזאמען מיט עם), און יעקב האט ניט געטרויערט אויף די שבע עשרה שנה נאר אויף די שנים שלאח"ז - פארוואס האט אים דער אויבערשטער אפגעצאלט מיט שבע עשרה שנה?! אמת טאקע אז י"ז איז בגימטריא "טוב" - אבער וואס האבן די י"ז שנים האחרונות (פון יעקב) צוטאן מיט די ערשטע י"ז שנים (פון יוסף) ווען יוסף איז געווען צוזאמען מיט אים?

לו. אין היינטיקן שיעור רמב"ם[161] רעדט דער רמב"ם וועגן דיני מדות ומשקלות, "השוקל לחבירו ממשקלות חסרות מן המשקל שהסכימו עליו בני אותה המדינה, או המודד במדה חסרה מהמדה שהסכימו עלי', הרי זה עובר בלא תעשה כו'"[162].

און אויף כללות דיני מדות שרייבט דער רמב"ם[163]: "כל הכופר במצות מדות ככופר ביציאת מצרים שהיא תחילת הציווי, וכל המקבל עליו מצות מדות הרי זה מודה ביציאת מצרים שהיא גרמה לכל הצוויין".

דער מקור פון רמב"ם איז פון תורת כהנים עה"פ[164] "מאזני צדק גו' והין צדק יהי' לכם אני ה' אלקיכם אשר הוצאתי אתכם מארץ מצרים" - "על תנאי כן הוצאתי אתכם מארץ מצרים, על תנאי שתקבלו עליכם מצות מידות, שכל המודה במצות מידות מודה ביציאת מצרים וכל הכופר במצות מידות כופר ביציאת מצרים".

לויט ווי דער רמב"ם[165] שרייבט אז "רוב דיני התורה אינן אלא עצות כו' לתקן הדעות ולויישר כל המעשים" - איז אויך פארשטאנדיק בנוגע צו דעם דין אין רמב"ם, אז אין דעם איז דא אן ענין "לתקן הדעות ולויישר כל המעשים".

---

161) הל' גניבה פ"ז-ט. 162) שם רפ"ז. 163) שם ספ"ז. 164) קדושים יט, לו. 165) סוף הל' תמורה.

הנחת הת' בלתי מוגה

דערצו איז אויך דא אן ענין ע"פ נגלה וואס מ'דארף פארשטיין אין רמב"ם:

וואס איז די שייכות דוקא פון מצות מדות מיט יציאת מצרים, וואס דוקא ביי מצות מדות זאגט מען אז "כל הכופר במצות מדות ככופר ביציאת מצרים" און "כל המקבל עליו מצות מדות הרי זה מודה ביציאת מצרים": מצד דעם טעם וואס דער רמב"ם שרייבט אז יצי"מ "היא תחילת הציווי" און "היא גרמה לכל הצוויין" - איז דאך דאס אזוי בנוגע צו אלע מצוות, אנהויבנדיק פון די עשרת הדברות, וואס זייער אנהויב איז "אנכי ה' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים גו'"166?

ואע"פ אז דער מקור פון רמב"ם איז פון תו"כ מיוסד על הפסוק - טראגט עס נאר איבער די שאלה אויפן תו"כ און אויפן פסוק!

לז. ויש לומר הביאור בזה:

א כופר במצות מדות איז ניט ווי סתם אן עובר עבירה - ווייל ביי סתם אן עבירה איז מען עובר אויף דער עבירה און מער ניט; משא"כ בשעת מ'איז עובר אויף דער מצוה פון מדות טוט ער א דבר והיפוכו: פון איין זייט גייט ער ניט סתם ארויסנעמען געלט פון א צווייטן, נאר ער מעסט און וועגט אפ די זאך, כאילו ווי ער פירט זיך ע"פ יושר, אבער ביחד עם זה פעלשט ער די מאס און די וואג, און דורך דעם בא'גנב'עט ער דעם צווייטן!

דאס הייסט, בא סתם אן עבירה איז דא נאר איין תנועה - ער טוט א זאך וואס מ'טאר ניט טאן ע"פ תורה, אבער אלע ווייסן אז ער טוט די זאך. משא"כ בשעת ער איז עובר אויף מצות מדות - פירט ער זיך מיט פאלשקייט: ער מאכט זיך כאילו ווי ער איז אן אדם ישר, אבער באמת נארט ער דעם צווייטן אפ.

וואס די הנהגה (אז מ'שטעלט זיך ארויס ווי א פיינער מענטש ובאמת נארט מען אפ דעם צווייטן) מיט וועלכער עס צייכנט זיך אויס די מצות מדות לגבי שאר כל המצוות - איז געווען בא די מצריים. וואס עפ"ז איז מובן די שייכות דוקא פון מצות מדות צו יציאת מצרים, כדלקמן.

און דער רמב"ם דארף דא ניט מסביר זיין וואו מ'זעט בא מצרים אט די הנהגה, אז מ'שטעלט זיך ארויס כאילו ווי מ'פירט זיך ע"פ יושר ובאמת נארט מען יענעם אפ - ווייל דאס איז מובן פון דעם וואס ער שרייבט פריער בספרו.

---

166) יתרו כ, ב. ואתחנן ה, ו.



SichosKodesh.com

לח. והביאור:

אין הל' תשובה וואו דער רמב"ם רעדט וועגן דעם ענין פון בחירת האדם ושכר ועונש, פרעגט ער[167] די שאלה: "והלא כתוב בתורה[168] ועבדום וענו אותם, הרי גזר על המצריים לעשות רע", האבן זיי דאך לכאורה קיין בחירה ניט געהאט אין דעם, איז פארוואס קומט זיי אן עונש?

[בנוגע צו דער שאלה פון ידיעה ובחירה, אז ידיעת הקב"ה וואס וועט זיין בעתיד נעמט לכאורה צו די בחירה פון א מענטשן – האט דער רמב"ם געשריבן פריער[169] (ווי ער שרייבט דא: "וכבר אמרנו שאין כח באדם לידע היאך ידע הקב"ה דברים העתידין להיות"): "שמא תאמר והלא הקב"ה יודע כל מה שיהי' וקודם שיהי' ידע שזה יהי' צדיק או רשע כו' אם ידע שהוא יהי' צדיק אי אפשר שלא יהי' צדיק כו'", און ער פארענטפערט אז "אין כח באדם להשיג ולמצוא דעתו של בורא כו' [ווי עס שטייט[170] "החקר אלוקה תמצא", א מענטש קען ניט פארשטיין מציאות הבורא[171]], וכיון שכן הוא אין בנו כח לידע היאך ידע הקב"ה כל הברואים והמעשים" און אעפ"כ איז דאס ניט קיין סתירה צו בחירה כו'.

וכידוע השגת הראב"ד[172] על הרמב"ם: "אין אדם מתחיל בדבר ולא ידע להשלימו, והוא החל בשאלות קושיות והניח הדבר בקושיא והחזירו לאמונה, וטוב הי' לו להניח הדבר בתמימות התמימים ולא יעורר לבם כו'". ד.ה. אז אויב דער רמב"ם פירט סיי-ווי אויס אז מ'קען דאס ניט פארשטיין – איז שוין בעסער לכתחילה ניט צו פרעגן די קשיא, איידער פרעגן די קשיא און דערנאך זאגן אז מ'קען דאס ניט פארשטיין!

דאס איז אבער אלץ בנוגע צו ידיעה ובחירה, אז ידיעת הקב"ה אז די מצריים וועלן טאן רע איז קיין סתירה ניט צו זייער בחירה; עס בלייבט נאך אבער די שאלה בנוגע צו גזירתו של הקב"ה "ועבדום וענו אותם" – "הרי גזר על המצריים לעשות רע", האבן זיי דאך לכאורה קיין בחירה ניט געהאט צו טאן פארקערט?]

און דער רמב"ם פארענטפערט: "כל אחד ואחד מאותן המצירים והמריעים לישראל אילו לא רצה להרע להם הרשות בידו, שלא גזר על איש ידוע אלא הודיעו שסוף זרעו עתיד להשתעבד בארץ לא להם".

---

167) פ"ו ה"ה. וראה בכ"ז גם שיחת פסח שני תשד"מ. שיחת ש"פ שמיני תשמ"ה ס"ל ואילך. ועוד. 168) לך טו, יג. 169) שם פ"ה ה"ה. 170) איוב יא, ז. 171) ראה גם רמב"ם הל' יסוה"ת פ"א ה"ט. 172) הל' תשובה פ"ה שם.

וע"ד המבואר באגה"ק[173] (וואס מען האט דערמאנט פריער[174]) אז אע"פ וואס "על הניזק כבר נגזר מן השמים" קומט אבער דעם מזיק אן עונש "על רוע בחירתו" ווייל "הרבה שלוחים למקום" און ער האט ניט געדארפט זיין דער וואס טוט אפ דעם היזק.

לט. מ'דארף נאך אבער פארשטיין: דאס איז א תירוץ מספיק אויף אלע מצריים, אז יעדער יחיד האט געהאט די בחירה ווי זיך צו פירן, ווייל די גזירה איז געווען נאר אויפן כלל; דאס פארענטפערט אבער ניט בנוגע צו פרעה מלך מצרים: ער איז דאך געווען דער מלך, וואס אלע מוזן אים פאלגן, במכ"ש פון דעם וואס עס שטייט אויפן משנה למלך "בלעדיך לא ירים איש את ידו ואת רגלו"[175] - במילא האט דאך די גזירה פון "ועבדום וענו אותם" געמוזט גיין דורך פרעה'ן לכאורה, ד.ה. אז ער איז לכאורה געווען מוכרח דאס צו מקיים זיין - איז וואו איז זיין בחירה און פארוואס קומט אים אן עונש?

און דערפון ווערט א קשיא אויך בנוגע צו עם מצרים: וויבאלד אז דער מלך איז לכאורה געווען מוכרח צו מקיים זיין די גזירה, און יעדער יחיד פון דעם עם מוז דאך פאלגן דעם מלך (מבלעדיך לא ירים איש את ידו ואת רגלו) - טראגט זיך איבער דער הכרח פון דעם מלך אויפן עם, אז זיי זיינען לכאורה געווען מוכרח צו משעבד זיין אידן, איז פארוואס קומט זיי אן עונש?

ויש לומר הביאור בזה - אז דאס ווערט באווארנט ע"פ אן אנדער הלכה (וואס ברענגט זיך אויך אין רמב"ם):

דער רמב"ם פסק'נט[176] אז "אין שליח לדבר עבירה"[177]. און דער טעם לזה - ווייל "דברי הרב ודברי התלמיד דברי מי שומעים, דברי הרב שומעים"[178].

דאס הייסט: בשעת איינער מאכט א צווייטן פאר א שליח לדבר עבירה - איז דער משלח ניט חייב נאר דער שליח, ווייל "אין שליח לדבר עבירה" ווארום "דברי הרב ודברי התלמיד דברי מי שומעים, דברי הרב שומעים" [סיידן א מסית, וואס דעמולט טענה'ט מען פאר אים ניט די טענה[179], און ער אליין קען אויך אזוי ניט טענה'ן[180]. אבער דאס האט קיין שייכות לנדו"ד (פרעה מלך מצרים), ווייל פרעה איז ניט געווען קיין מסית, וואס איז דוקא בעבודה זרה].

---

173) סכ"ה (קלח, ב). 174) לעיל ע' 35. 175) מקץ מא, מד. 176) הל' מעילה פ"ז ה"ב. 177) קידושין מב, ב ואילך. וראה אנציקלופדי' תלמודית (כרך א) בערכו. וש"נ. 178) קידושין שם. וראה אנציקלופדי' הנ"ל (כרך ז) בערכו. וש"נ. 179) סנהדרין כט, א. 180) ראה תוד"ה דברי הרב - סנהדרין שם.



SichosKodesh.com

ווי די גמרא ברענגט[181] אז דער נחש הקדמוני האט געקענט טענה'ן ביושר אז אים קומט ניט קיין עונש פאר איינרעדן חוה'ן צו עסן פון עץ הדעת ווייל "דברי הרב ודברי התלמיד דברי מי שומעים, דברי הרב שומעים", במילא האט חוה אים ניט געמוזט פאלגן נאר פאלגן דעם אויבערשטן (דברי הרב) אז מ'טאר ניט עסן פון דעם עץ.

ועפ"ז איז אויך מובן בנוגע צו פרעה און די מצריים:

אע"פ וואס פרעה מלך מצרים האט אנגעזאגט זיין עם אז מ'זאל משעבד זיין און פייניקן אידן (אפילו אויב מ'וועט זאגן אז ער איז געווען מוכרח דאס אנצוזאגן מצד דער גזירה פון "ועבדום וענו אותם") – זיינען די אנשי האם שולדיק פאר אויספירן דאס בפועל, ווארום "אין שליח לדבר עבירה", און שומעים לדברי הרב לגבי דברי התלמיד, במילא זיינען זיי ניט געווען מחוייב ומוכרח אים צו פאלגן.

ד.ה. אז אע"פ וואס פרעה איז געווען דער מלך און בנוגע צו אלע ענינים האט מען אים געמוזט פאלגן – איז אבער ווען עס קומט צו אן עבירה, איז מען אים ניט מחוייב צו פאלגן און מ'דארף פאלגן "דברי הרב".

בשלמא אויף פרעה וואלט זיי מכריח געווען צו פייניקן אידן – וואלט מען געקענט זאגן אז זיי האבן קיין ברירה ניט געהאט; אבער מ'זעט בפועל אז פרעה האט זיי ניט מכריח געווען צו פייניקן אידן: פרעה איז געבליבן זיצן בהיכל מלכותו, כדרך פון א מלך וואס ער זיצט בהיכלו און גייט ניט ארויס צום עם, און פון היכל מלכותו האט ער אנגעזאגט די ציוויים צום עם. דוקא די מצריים האבן מקיים געווען די ציוויים בפועל, ווי עס שטייט[182] "ויצו פרעה גו' אל הנוגשים בעם גו'".

ד.ה. אז פרעה אליין איז ניט ארויס מהיכלו צו דעם מקום וואו עס געפינען זיך די מצריים און די אידן בכדי צו מכריח זיין די מצריים אז זיי זאלן פייניקן אידן, ער האט נאר אנגעזאגט דעם ציווי ("ויצו פרעה"), און די מצריים אליין זיינען געווען די "נוגשים בעם".

און אפילו לויט דעם וואס עס שטייט אין מדרש[183] אז פרעה "נטל סל ומגריפה, מי הי' רואה את פרעה נוטל סל ומגריפה ועושה בלבנים ולא הי' עושה, מיד הלכו כל ישראל בזריזות ועשו עמו בכל כחן כו'" – האט פרעה אבער ניט מכריח געווען די מצריים צו פייניקן די אידן.

---

181) סנהדרין שם. הובא בפרש"י עה"פ בראשית ג, יד. 182) שמות ה, ו. 183) במדב"ר פט"ו, כ. תנחומא בהעלותך יג.

במילא קומט אויס, אז אע"פ וואס פרעה האט במעשה געשיקט די מצריים טאן, אבער זיי האבן אויסגעפירט די שליחות בפועל - זיינען די מצריים חייב, ווייל אין שליח לדבר עבירה און שומעים לדברי הרב.

מ. דאס איז אלץ אן ענטפער בנוגע צו די מצריים אליין, פארוואס זיי קומט אן עונש. מ'דארף נאך אבער פארשטיין פארוואס פרעה'ן האט געקומט אן עונש, ער איז דאך געווען דער מלך, במילא האט די גזירה פון "ועבדום וענו אותם" געמוזט דורכגיין דורך אים, כנ"ל?

איז דאס אויך מובן ע"פ הנ"ל:

וויבאלד אז די מצריים האבן געהאט די בחירה ניט צו פאלגן דברי פרעה - איז דברי פרעה ניט דער דבר המכריע בכדי אויסצופירן די גזירה פון "ועבדום וענו אותם". ד.ה. אז אפילו לולא גזירת פרעה וואלט זיך אויסגעפירט גזירת הקב"ה "ועבדום וענו אותם" באופן אחר. במילא איז פארשטאנדיק אז פרעה איז ניט געווען מוכרח מצד למעלה צו גוזר זיין שעבוד אויף די אידן.

נאר ער האט עס געטאן על דעת עצמו, אלס א יחיד. ד.ה. וויבאלד אז אין דעם ענין איז "אין שליח לדבר עבירה" און מ'דארף ניט פאלגן דברי פרעה נאר "דברי הרב" (דעם אויבערשטן) - איז מובן אז בענין זה האט פרעה געהאט א דין פון א יחיד, ניט פון א מלך.

און וויבאלד אז פרעה האט בכל זאת אנגעזאגט אז מ'זאל משעבד זיין אידן (אע"פ וואס ער איז ניט געווען מוכרח בזה) - דערפאר קומט אים אן עונש.

מא. דערנאך איז דא א צווייטער תירוץ אויף דער שאלה הנ"ל פון רמב"ם ("והלא כתוב בתורה ועבדום וענו אותם, הרי גזר על המצריים לעשות רע", האבן זיי דאך לכאורה קיין בחירה ניט געהאט אין דעם, איז פארוואס קומט זיי אן עונש) - דער תירוץ פון ראב"ד:

"הבורא אמר וענו אותם, והם עבדו בהם בפרך והמיתו מהם וטבעו מהם, כענין שנאמר[184] אני קצפתי מעט והם עזרו לרעה, לפיכך נתחייבו".

ביז ווי ס'איז מבואר בגמרא[185] דער פירוש אין "פרך", אז לכתחילה זיינען די מצריים געקומען צו אידן "בפה רך", זיי האבן

---

184) זכרי' א, טו. 185) סוטה יא, ריש ע"ב. וראה מדרשים שבהערה 183.



SichosKodesh.com

געמאכט דעם אנשטעל כאילו ווי זיי זיינען פיינע מענטשן און זיי טראכטן לטובתם פון אידן און זיי האבן מסביר געווען אידן און זיי איינגערעדט מיט כל מיני טעמים פארוואס ס'איז גוט פאר זיי אליין אז זיי זאלן גיין ארבעטן. דערנאך האט זיך ארויסגעוויזן אמיתית כוונתם אז אין דעם "פרך" ("פה רך") איז געלעגן עבודת "פרך" - "בעבודה קשה המפרכת את הגוף ומשברתו"[186].

ובדוגמא ווי פרעה מלך מצרים האט זיך געפירט - אז ער איז אליין ארויס ארבעטן בכדי אָפצונאַרן אידן אז זיי זאלן אויך גיין ארבעטן, און דערנאך האט זיך אויסגעוויזן אמיתית כוונתו, צו משעבד זיין אידן בעבודת פרך וכו'.

מב. ע"פ הנ"ל איז פארשטאנדיק אז הנהגת מצרים איז געווען באופן וואס אז זיי האבן געמאכט דעם אנשטעל ווי פיינע מענטשן וואס ווילן מקיים זיין רצון ה', ובאמת נארן זיי אידן אפ, די הנהגה וועלכע עס באווארנט די מצות מדות מערפון שאר כל המצוות:

פון איין זייט קען מען דאך טענה'ן אז די מצריים זיינען ניט געווען שולדיק - ווייל זיי האבן ניט קיין בחירה, ווארום ידיעת הקב"ה ווי זיי וועלן זיך פירן איז זיי מכריח.

ובפרט נאך אז ס'איז געווען א גזירה פון דעם אויבערשטן "ועבדום וענו אותם" - קומט גאר אויס אז די מצריים זיינען נאר מקיים רצון ה'!

און נאך מער ווען עס רעדט זיך וועגן פרעה מלך מצרים, וואס ער קען נאך טענה'ן אז ער איז זיכער געווען מוכרח אויסצופירן גזירת הקב"ה, און דערצו זיינען די מצריים ניט געווען מחוייב אים צו פאלגן.

לאידך גיסא איז אבער פארשטאנדיק, אז באמת האבן דאס די מצריים געטאן ניט מצד גזירת הקב"ה נאר ווייל זיי זיינען געווען רשעים, לויט די צוויי ביאורים שבזה: אדער ווייל די גזירה איז געווען נאר אויפן כלל משא"כ יעדער יחיד ויחיד האט געהאט בחירה ניט צו טאן שלעכטס צו אידן (כביאור הרמב"ם), אדער ווייל די גזירה איז געווען נאר "וענו אותם", און די מצריים האבן מחמיר געווען בזה און האבן געמאכט אידן ארבעטן בעבודת פרך (כביאור הראב"ד).

וואס די הנהגה פון די מצריים - אז בחיצוניות האבן זיי זיך ארויסגעשטעלט כאילו ווי זיי זיינען פיינע מענטשן און זיינען ניט שולדיק, אבער בפנימיות זיינען זיי געווען רשעים - דריקט זיך אויך

---

186) סוטה שם.

אויס אין זייער הנהגה הנ"ל, אז לכתחילה זיינען די מצריים געקומען צו אידן "בפה רך", זיי האבן געמאכט דעם אנשטעל כאילו ווי זיי זיינען פיינע מענטשן און זיי טראכטן לטובתם פון אידן און זיי האבן מסביר געווען אידן און זיי איינגערעדט מיט כל מיני טעמים פארוואס ס'איז גוט פאר זיי אליין אז זיי זאלן גיין ארבעטן. דערנאך האט זיך אבער אויסגעוויזן אמיתית כוונתם אז אין דעם "פרך" ("פה רך") איז געלעגן עבודת "פרך" - "בעבודה קשה המפרכת את הגוף ומשברתו".

מג. וואס עפ"ז וועט מען פארשטיין די שייכות מיוחדת פון יציאת מצרים דוקא מיט מצות מדות - ווייל דער וואס איז עובר אויף מצות מדות פירט זיך ווי די מצריים האבן זיך געפירט: בחיצוניות שטעלט ער אן א פנים כאילו ווי ער פירט זיך ע"פ יושר, אבער באמת ווייל ער דערביי אפנארן דעם צווייטן און טאן שלעכטס.

און דאס איז דער ביאור אין פס"ד הרמב"ם אין היינטיקן שיעור אז "כל הכופר במצות מדות ככופר ביציאת מצרים שהיא תחילת הציווי, וכל המקבל עליו מצות מדות הרי זה מודה ביציאת מצרים שהיא גרמה לכל הצוויין":

וויבאלד גלות מצרים איז באשטאנען פון א הנהגה אז בחיצוניות שטעלט מען זיך ארויס ווי א פיינער מענטש אבער בפנימיות ווילל מען טאן דעם צווייטן שלעכטס - איז פארשטאנדיק אז יציאת מצרים איז א יציאה וגאולה פון אזא הנהגה.

און דעריבער: "כל הכופר במצות מדות ככופר ביציאת מצרים" - ווייל בשעת ער פירט זיך אין אן אופן ווי די מצריים האבן זיך געפירט (ער שטעלט אן א פנים ווי א פיינער מענטש און באמת ווייל ער דעם צווייטן אפנארן), איז ער דערביי כופר אין דעם ענין פון יציאת מצרים, וואס באווייזט אז אידן זיינען "ארויס" און אוועק פון אזא הנהגה רעה; "וכל המקבל עליו מצות מדות הרי זה מודה ביציאת מצרים" - ווייל בשעת ער פירט זיך ערלעך און נארט דעם צווייטן ניט אפ, איז ער מודה אין דעם ענין פון יציאת מצרים, וואס האט מבטל געווען די הנהגה רעה.

וואס עפ"ז איז מובן דער ענין אין רמב"ם - ע"פ נגלה, און ס'איז אויך מובן וואס מ'קען דערפון ארויסנעמען אין "לתקן הדעות ולישר כל המעשים".

מד. בכדי צו אויפטאן בשלימות דעם ענין פון "לתקן הדעות ולישר כל המעשים" דארף מען האבן אן ענין של פועל ממש.

דערפאר וועט מען איצטער טאן אן ענין של פועל ממש: היות אז בימים הבאים קומט פאר אן ענין בקשר מיט די אידן וואס געפינען

זיך אין "מצרים שבמצרים", און א "סיום" אויפן רמב"ם, מיט נאך גוטע זאכן – וועט מען, כרגיל, זיך משתתף זיין בזה דורך געבן משקה פון דער התוועדות וועלכע מ׳וועט טיילן בא די מסיבות בקשר עם הענינים האמורים. וואס דורך דעם איז מען משתף כל הנמצאים כאן אין די אלע ענינים טובים, בפרט אז מ׳וועט מחלק זיין א טייל פון די משקה דא.

במילא זאלן איצטער צוגיין די אלע וואס פארנעמען זיך מיט די ענינים נעמען די משקה, און צוגיין בזריזות – ווארום [כ"ק אדמו"ר שליט"א הסתכל על השעון] מ׳קוקט דאך אויפן זייגער, און מ׳דארף שוין דאווענען מנחה און הערן קריאת התורה בתחלת פ׳ מקץ, "ויהי מקץ שנתיים ימים", בזמן פון רעוא דרעוין[187], "נחלת יעקב"[188], וואס איז "נחלה בלי מיצרים"[189].

און דורך דער זריזות פון אידן איצטער – איז מען נאכמער מזרז ביאת משיח צדקנו באופן פון "אחישנה" שב"אחישנה"[190], בגאולה האמיתית והשלימה, ובשמחה ובטוב לבב.

[כ"ק אדמו"ר שליט"א נתן קנקני משקה אל: הר"ר ש.ל.א. שיחי׳. הר"ר א.ל.ק. ולהר"ר ז.א.ג. שיחיו. הר"ר א.ש. שיחי׳. הר"ר מ.א שיחי׳. והר"ר י.ל.ג. שיחי׳.

באמצע החלוקה אמר: יעדערער זאל מכריז זיין וועגן דעם ענין וואס קומט פאר, און דעם זמן ומקום וכו׳.

אח"כ התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן "והריקותי לכם ברכה". ואח"כ "ניעט ניעט ניקאוואָ".

אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

——————— * ———————

187) ראה זח"ב פח, ב. ועוד. 188) ישעי׳ נח, יד. זהר שם. 189) שבת קיח, סע"א ואילך. 190) ראה ישעי׳ ס, כב. סנהדרין צח, א.

אז דורך די בנים וועט מען ' אומקערן דעם לב אבות צו דעם אויבערשטן.

וואס דאס איז דאך במודגש ובמיוחד זעט מען דאס אין אונזער דור.

וואס אט דערפון איז אויכעט פארשטאנדיק א תוס' ביאור פארוואס דוקא בדורות הכי אחרונים האבן זיך די נשיאים אפגעגעבן במיוחד אין ענינים פון חינוך פון בנים ובנות פון גאר קליין ביז גאר גרויס, דערפאר וואס אט דאס איז די זאך פון "לא יסוף מזרעם", וואס ברייינגט אראפ די הבטחה פון "והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם" און דאס וועט אראפברייינגען דעם בא יום הוי' אז עס וועט קומען דער גוואונשענער טאג פון גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקינו למטה מעשרה טפחים.

* * *

ג. דערפון גופא וואס דער ענין פון פורים איז אויף אזויפיל בוגע ביז וואנעט אז מ'זאגט אז דאס איז נאך מערער באהאלטענערהייט ווי דאס וואס מען וועט האבן ווען משיח וועט קומען, ס'איז מערביט וואס איצטער האט מען דאס באהאלטען, וואס דאס איז בדוגמא וואס בא איינעם ליגט געלט אין באנק, און ער האט דאס ניט בא זיך אין קעשענע, איז א גביר איז ער דאך, נאר וואס דען עס ליגט ניט אין קעשענע, ער ווייס אבער אז ער האט דעם הון עצום, און עס איז קיין אונטערשייד ניט צי ער האט דאס און קאן דאס צייילען מיט די פינגער בכל יום ויום, אדער ער האט א הבטחה, א צוזאג, פון א געזונטען מוסד אז אין דעם מוסד געפינט זיך אויף זיין חשבון א סכום כך וכך, און דאס איז אפי' אויב דאס איז א מוסד של בשר ודם וואס היום כאן און למחר איז דאך ווי די גמ' איז מסיים, עאכו"כ אז ער האט דעם צוזאג פון ממה"מ הקב"ה, אז אויב מ'טוט א ענין אין תומ"צ איז דעמאלט האט מען א קרן קיימת ופירותיהן בעוה"ז אויב דאס איז פון די מצות וואס אויסגערעכענט דארטן, וואס חינוך הבנים והבנות איז דאך גרעסטער אופן וואס קאן זיין אין גמ"ח דאס איז דאך מביאו לחיי העוה"ז און לחיי העוה"ב, נוסף וואס דאס איז דער ענין פון ת"ת. און מ'זאגט אז הקרן קיימת ופירותיהן בעוה"ז און דאס איז אין א אופן בלי גבולי, וואס דאס איז דאך דער טעם וואס שכר מצות בהאי עלמא ליכא, דערפאר וואס גרויס ער שטעלט זיך ניט פאר די וועלט איז קאן זי ניט אופנעמען אין דער פולער מאס א שכר פון איין מצוה, עאכו"כ פון מצות וואס זיי פועל'ן אויף דורות און דורי דורות, וואס דאס איז דאך דער ענין פון חינוך הבנים והבנות, טוט מען דאך אויף מיט די קינדער אין אזא וועג וואס דערנאך וועלען דאס די קינדער אופטאן מיט זייערע קינדער און אזוי איז פירותיהן ופירות פירותיהן עד סוף כול העולם, איז דאך דאס א שכר עצום עד בלי גבול, און דאס ליגט אין א באנק אין מוסד, וואס דער בעה"ב פון דעם מוסד פון עולם האצילות וואס דארטן געפינט זיך דאס איז דאס דער ממה"מ הקב"ה, וואס ער זאגט אז ער האט צוגעגרייט דעם שכר.

און אין דערויף גופא זאגט מען אז ימי הפורים דעמאלט איז די צייט וואס קיימו מה שקיבלו אז מען נעמט אויף זיך דאס טאן מיט א פארשטארקטער לעבעדיקייט און מיט א פארשטארקטער פרייליכקייט על כל השנה כולה די אלע ענינים וואס מ'האט אנגענומען ביים בארג סיני, מה שקיבלו כבר.

דערפון גופא איז דאך פארשטאנדיק אז דא שטעלט זיך דער לעומת זה, דער יצה"ר, ע"ד ווי עס איז געווען המן בשעתו און זוכט אויף ניט צוצולאזען דאס, וואס דאס איז דאך וואס ער זאגט אז מהנחש יצא צפעוני, אז המן איז ארויס געוואקסען פון עמלק'ן, ע"ד ווי מען געפינט ביי די גאולה פון יצי"מ איז גלייך ווי אידען האבן זיך געלאזט גיין צום בארג סיני מקבל זיין תורה ויבא עמלק וילחם עם ישראל, האט ער זיי געוואלט אפהאלטען דערפון, עד"ז איז געווען המן בימי מרדכי היהודי, און עד"ז איז די מלחמה פון יצה"ר בכל אדם ואדם ביי יעדערען אין זיין עולם קטן.

און דערמיט איז פארשטאנדיק פארוואס מלחמת עמלק זאגט מען אז מחה אמחה און מחה תמחה און מלחמה להשם בעמלק מדור דור, זאגט מען אז דאס איז א שטענדיקע מלחמה, און אין דער מלחמה האט מען במיוחד א נתינת כח, א סיוע, א הילף, פון דעם אויבערשטען, אויף קאנען דורכטראגען די מלחמה און איר מנצח זיין.

און מ'זאגט אז די מלחמה איז מדור דור, ווי עס ווערט פארטייטשט אין מכילתא און מדרשים אז דאס איז אזוי געווען בדורו של משה און בדורו של יהושע ובדורות

שלאח"ז, ביז ווי ער זאגט אין מכילתא און אין תרגום, בדרא דמלכא משיחא איז אויך דא די מלחמה.

ווי קומט דאס אז א יצה"ר זאל קאנען צוגיין צו א אידען בשעת א איד האט א נפש השנית בישראל, היא חלק אלקה ממעל ממש, ער האט א געטליכע נשמה, היינט ווי קאן דער יצה"ר האבען א צוטריט, און אמאל עפעס אופטאן אז א איד זאל עם פאלגען בשעת ער האט דעם אויבערשטען בא עם בנפשו פנימה איז דאס דורכדעם וואס א איד ווערט אגעשוואכט אין זיין נפה"א. וואס דאס איז דאך ווי ער זאגט אין פסוק ברפידים פארטייטשען רז"ל שרפו ידיהם מ'איז אפגעשוואכט געווארען אין דינען דעם אויבערשטען. וואס דאס גיט א מעגליכקייט אז עס זאל קומען דער יצה"ר און זאל אנהייבען ריידען און אנריידען און אפשר אמאל וועט ער זיך צוהערען צו עם.

אין וואס באשטייט זיין ערשטער צוגאנג, וועט מען דאס פארשטיין מיט דעם וואס עס איז דא א מדרש וואס לכאו' איז ער אינגאנצען ניט פארשטאנדיק:

דער מדרש איז מבאר פארוואס האבען אידען זיך פארזינדיקט וואס ויבא עמלק וילחם עם ישראל, טייטשט ער אפ אין מדרש אז וויבאלד אז אין ספר דברים איז דער סיפור פון זכור את אשר עשה לך עמלק קומט דאס גלייך נאך דעם אנזאג אז לא יהי' לך איפה ואיפה מ'זאל ניט אויסנארען אין האבען צוויי פארשידענע מאסען, און צוויי פארשידענע מעסטלעך, איז על עסקי משקלות אזוי ווי אידען זיינען ניט געווען אגעהיט אויף ניט האבען צוויי סארטען מעסטלעך אז ווען עס לויענט זיך נעמט מען א גרעסערע מאס און ווען עס לויענט זיך פארבייט מען די מאס אויף א קלענערע כדי אויסצונארען דעם קונה אדער דעם מוכר, איז פאר דעם ניט אפגעהיטקייט איז געקומען עמלק.

וואס לכאורה איז אינגאנצען ניט פארשטאנדיק אמת טאקע עס איז א דבר אסור מן התורה אז לא יהי' לך אבן ואבן איפה ואיפה אבער מיט וואס איז דער איסור אויסגעטיילט פון אלע איסורים שבתורה וואס דוקא אויף דערוף האט זיך געקאנט צוטשעפען עמלק, וואס דאס איז דער גרעסטער שונא וואס אידען האבען געהאט ווארום עס איז דאך ניטא קיין אנדער אומה אויף וועלעכען מ'האט אנגעזאגט זכור אל תשכח, ביז וואנעט אז מ'זאגט ראשית גוים עמלק ואחריתו עדי אובד, טייטשען דאך אפ די מפרשים אז אלע פעלקער וועט פון זיי בלייבען א אחרית, ואדרבה לימות המשיח זאגט ער דאך אז אהפוך אל כל העמים שפה ברורה לעבדו כולם שכם אחד אז זיי וועלן דעמאלט זיין און זיי וועלען דינען דעם אויבערשטען אחריתו של עמלק עדי אובד פון עם וועט ניט בלייבען קיין שריד ופליט, און ווי ער טייטשט אפ אין מכילתא אז עס וועט אפי' ניט בלייבען א גמל אדער א אנדער בעל חי, וואס מ'זאל אים אנרופען אז דאס איז א גמל אדער א בעל חי של עמלק. און פאר-וואס קומט דאס אלץ דורך דערוף וואס מ'האט געהאט א אבן ואבן איפה ואיפה. איז דאך דערפון פארשטאנדיק אז דאס איז א ענין עיקרי, א חטא עיקרי, וואס דערפאר איז געקומען א עונש וואס האט אנגערירט אין דעם עצם קיום פון קבלת התורה, און דערנאך עד"ז בימי המן וואס עס איז געווען די גזירה מנער ועד זקן טף ונשים ביום אחד, ועד"ז ביז אין דרא דמלכא משיחא, ביז אין ימות המשיח אריין.

וואס פארשטיין, וועט מען דאס פארשטיין, ווען א איד וואלט בא זיך געפועל'ט ער זאל ניט האבען קיין צוויי פארשידענע מאסען, וואלט ער ניט געקומען צו א עבירה, וואלט דאס במילא ניט אגעשוואכט זיין עבודת השם, זיין דינען דעם אויבערשטען, וואלט דאס ניט צוגעלאזען דעם יצה"ר א נתינת פתח ער זאל קאנען בא עם עפעס אופטאן, אפי' אין דברים המותרים במותרות, עאכו"כ אין דברים האסורים.

אין וואס באשטייט דער נתינת פתח אין דערוף וואס מ'מאכט א אבן ואבן איפה ואיפה.

בשעת עס קומט צו עניני הגוף איז דעמאלט דער מאס און דער צוגאנג אז אלץ וואס מ'האט איז נאך ניט מספיק, און ווי גערעדט פריער אז דאס וואס מי שיש לו מנה רוצה מאתים איז דאס אן אבגענומענע זאך מ'דארף אויך דערוף ניט הארעווען דאס האלט יעדערער פאר זיך, איי ער ווייס דאך אז עס איז דא אזוי וואס האבען ווייניק ווי ער האט און זיי זיינען צופרידען, האט ער בא זיך כמה הסברות אין שכל, און דער עיקר איז אז עם הארט גארניט אז אין שכל האט ער אויף דערוף ניט קיין ערקלערונג, אבער ער וויל האבען, ער האט שוין א מנה, וויל ער האבען מאתים, און טאמער האט ער מאתים וויל ער האבען ד' מנות, וויל ער האבען פיר הונדערט.

ועד"ז אויך בשעת עס קומט צו חינוך הבנים והבנות צו ערציאונג פון קינדער, איז ווי געבילדעט זיי זאלען ניט זיין און ווי עס ווייזט זיך ניט אויס אז ער האט זיי באווארענט אז זיי זאלען קאנען פארנעמען א בעסערען ארט אין דער סביבה ארום זיך, איז דערמיט באגנוגענט ער זיך ניט און ער האלט אין טראכטען אפשר קאן ער זיי געבען נאך א ביסל בילדונג, און אפשר קאן ער זיי געבען נאך א מעגליכקייט אז זיי זאלען זיך קאנען רוקען העכער אין דער אומגעבונג צווישען די מענטשען מיט וועמען זיי וועלען קומען אין פארקער, און ער זשאלועט ניט קיין טרחה און ניט קיין געלט און ניט קיין צייט אט וואס עס זאל ניט זיין אפשר וועט ער קאנען געבען די קינדער נאך עפעס.

ביז וואנעט אז עס רעדט זיך אפילו וועגען עניניים חיצונים, וועגען דעם בנים אין וועלכען די קינדער דארפן לערנען איז דא איז דא דער אונטערשייד אויב דאס איז א ענין פון לימודי חול געפינט מען איינעם וואס גיט א מיליאן און א צווייטער גיט אנדערהאלבען און דער גיט צוויי מיט א האלבען און דער גיט א פערטעל, ביז וואנעט אז מ'האט שוין געפועל'ט אז אויב אפי' מ'לערענט אביסל לימוד קודש אויב נאר דער עיקר איז לימודי חול געפינט מען אויך א גרויסען נדבן.

בשעת אבער עס רעדט זיך וועגען א בנין וואו מען דארף לערנען לימודי קודש על טהרת הקודש, איז דארט איז ח"י דולר א גרויסע מטבע און ווער רעדט אויב דאס איז ב' פעמים ח"י איז דאס צוויי מאל גרויס און ווער רעדט וועגען ריידען וועגען א גרעסערע סומע האט דאס אין גאנצען קיין ארט ניט, ער געדיינקט אז בשעת זיין זיידע האט עם דערציילט אין וואס פאר א חדר האט ער געלערענט האט מען געצאלט דעם מלמד אזויפיל קאפקעס א חדש און דער חדר איז געווען גובה עשרה טפחים וואס ע"פ דין הייסט דאס א בית און מ'דארף ניט האבען קיין ארמון לתפארה קיין גרויסע בנינים, ועאכו"כ אז מ'דארף ניט האבען די אלע עניגים וואס עס איז געווען מיט דריי דורות צוריק האט קיינער דאס ניט געוואלט.

און אין דערוף באשטייט דער אונטערשייד אין דעם צוגאנג פון אבן ואבן און איפה ואיפה, אז ווען עס קומט צו צרכי הגוף איז דא וויפיל מ'זאל ניט האבען איז אלץ ווייניג און קיין סאך איז - ניט צו שווער אז מ'זאל קאנען צוקומען העכער, אז עס קומט צו צרכי הנשמה, צו עניגים של קדושה בטהרתה איז דא האט מען דעם צווייטען אבן און די צווייטע איפה און די צווייטע מאס און צוגאנג, אז עס איז געגוג ווי עס איז געווען ביים זיידען און עלטער זיידען מיט אזוי פיל דורות צוריק.

ועד"ז איז אויך דער צוגאנג צו נפה"ב און נפה"א, אז עס קומט צוגיין דער נפה"א און מאנט בא עם, הער זיך איין דו זאלסט וויסען זיין אז דו ביסט בנים אתם לה' אלקיכם, דו ביסט א זון פון ממה"מ הקב"ה, וואס עס איז דאך א זעלבעסטפארשטענדלכקי' אז דו קאנסט עס ניט פארגעסען, בשעת מ'האט דיך געגעבען א זאך דו האסט אויף דערוף ניט געהארעוועט, האסט גארניט געטאן אויף דעם, ווי מ'זאגט מה טוב חלקנו ומה יפה גורלנו וירושתנו, אז דאס באקומט מען בירושה דערפאר וואס ער איז א בנו של אברהם יצחק ויעקב אדער בת שרה רבקה רחל ולאה, איז דאך זעלבסטפארשטענדליך אז אלעמאל דארף ער געדיינקען בכל רגע ורגע אז בני בכורי ישראל און בנים אתם לה' אלקיכם, במילא איז אין וואס פאר א ארט ער זאל זיך ניט געפינען און אין וואס פאר א עסק ער זאל ניט זיין פארנומען דארף ער זיך אופירען ווי עס פאסט פאר א בנו של ממה"מ הקב"ה.

ודאס דאס לאזט עס ניט צו צו טאן עניגים וואס זיי זיינען ניט לפי כבודו של ממה"מ הקב"ה, ועאכו"כ אז ער וועט ניט נעמען די כחות און וועט זיי בנצען אויף טאן פארקערט ווי דער אויבערשטער וויל.

וואס אזוי דארף דאך זיין מצד שכל הבריא, אפי' אז דאס איז ניט פארבונדען מיט א התבוננות עמוקה, מ'דארף אויף דערוף זיך ניט אריינטראכטען שעות נאך-אנאנד כדי צוקומען לידי החלטה אז אזוי דארף ער זיך אופירען.

דאס גיט עס נאך א ענין וויבאלד אז ער ווייס אז ער איז א זון פון דעם אויבערשטען של ממה"מ הקב"ה איז דאך א זיכערע זאך אז אויב נאר ער וועט וועלען מיט א אמת זיך אופירען אזוי, וועט עם דער פאטער אבינו שבשמים, דער אויבערשטער העלפען, אז ער זאל זיך קאנען אופירען ווי דער אויבערשטער וויל, ס'איז מער ניט וואס אמאל גיט מען דאס אן השתדלות מ'דארף אויף דערוף ניט האבען קיין נסיון, און אמאל איז מנסה הוי' אלקיכם אתכם לדעת הישכם אוהבים את הוי' אלקיכם כדי אויסצופראווען צו


הנחה פרטית בלתי מוגה

געדענקט ער אז ער איז דעם אויבערשטענס א קינד און דער אויבערשטער איז עומד עליו און העלפט עם ארויס בכל עניניו, אבער עס איז א דבר ברור אז סוף סוף וועט ער דורך-פירען דאס וואס דער אויבערשטער וויל פון עם אויב נאר ער וועט דאס וועלען באמת.

בשעת עס קומט צוגיין דער נפה"ב, וואס דאס איז פארבונדען מיט'ן גוף, וואס דאס אנערקענט דאך יעדערער ווי טייער ער זאל ניט האלטען זיין גוף, ווייס ער אז די גאנצע טייערקייט פון גוף איז דערפאר וואס דאס איז א לעבעדיקער גוף, ער האט אין זיך א זאך וואס מאכט עם לעבען און דערפאר קאן ער זיך באוועגען, און דערפאר האט ער שכל און דערפאר קאן ער טראכטען וואס צו טאן און וואס ניט צו טאן, איז אויך ווי טייער עס זאל ניט זיין דער גוף, איז דאך די טייערקייט פארבונדען דערמיט, וואס דאס איז א לעבעדיקער גוף, וואס דער גוף לעבט דאך ניט פון זיך אליין ער איז דאך לעבעדיק דערפאר וואס אין עם איז דא א זאך וואס מאכט עם לעבעדיק.

איז דאך דערפון פארשטאנדיק אז טראכטען וועגען גוף, און נאך-געבען דעם גוף און טאן דאס וואס דער גוף פארלאנגט דארף ער אין אזא מין מאס אויף וויפיל עס איז נוגע צו דאס וואס מאכט דעם גוף לעבען.

און בשעת ער האט דאס אגעטאן, ער האט ממלא געווען צרכי גופו וואס אויף דערוף דארף מען דאך האבען אכילה בזמנה ושתי' בזמנה און שינה בזמנה ווי דער רמב"ם רעכענט אויס די פרטים בזה אין הלכות דיעות, איז נאך דערוף האט ער ניט מער וואס צו טראכטען וועגען דעם לבוש וועגען דעם גוף, און ער דארף טראכטען וועגען די זאך וואס באלעבט דעם גוף.

וואס דאס דארף זיין דער צוגאנג צו צרכי הנשמה און צרכי הגוף, וואס דאס איז אויך א איפה ואיפה צוויי באזונדערע מאסען, ווארום אויב עס וואלט ניט געווען דער איפה ואיפה אין קדושה וואלט דאך דעמאלט ניט געווען די גאנצע מציאות אין לעומת זה ווי חז"ל זאגען כל מאן דאסר לנו רחמנא ווי קאן זיין א מציאות פון א איסור, זיי האבען דאך ניט קיין מציאות בפ"ע איז דאס דערפאר וואס שרי לן כוותי' עס איז דא די מציאות אין היתר, קאן דערפון דערנאך בהשתלשלות ארויסקומען א זאך אין איסור. נאר וואס דען דער צוגאנג איז אז א נשמה איז א אייביקע זאך איז דאס בא עם אויך א שטענדיקע זאך אן קיין הפסק, דער גוף איז דאך ניט קיין אייביקע זאך, סיידען דורך דעם וואס די נשמה מאכט עם לעבעדיק איז בא אויך דאס וואס ער גערייבקט וועגען דעם גוף, און פארבונדען מיט'ן גוף און ארבעט פאר'ן גוף איז דארף דאס אויך זיין אין א אופן שיש לו הפסק, אז לאחרי האכילה ולאחרי השתי' ולאחרי השינה, איז ער מסיח דעת פון דעם גוף און האט צוטאן מיט ענינים וואס זיי מאכען דעם גוף לעבעדיק.

בשעת עס איז אבער דא דער איפה ואיפה וואס אסר לן רחמנא עס איז א היפך'דיקע באציאונג, אז בשעת עס קומט צוגיין צו צרכי הנשמה טראכט ער בא זיך אין דער פרי האט ער אגעדאווענט, ווער רעדט נאך אויב ער האט געדאווענט תפלה בציבור איז דאך דא די הבטחה הן קל כביר לא ימאס איז דאך תפלתו מתקבלת האט דאך דער אויבערשטער אנגענומען זיין דאוונען, איז נאך'ן דאוונען האט ער אפגעלערענט דעם שיעור וואס ער האט צו לערנען, ווי ער זאגט אין שו"ע מבהכנ"ס גייט ער לביהמ"ד, אבער דערנאך פארגעסט ער אויף דער נשמה, פארגעסט אויף דאוונען און אויפ'ן לערנען און דעמאלט איז ער פארנומען מיט'ן גוף און מיט די צרכי הגוף.

אויך אזויפיל אז בשעת אין דאוונען ווייס ער דאך אז אין פופצען מינוט ארום וועט ער שוין פארענדיקען דעם דאוונען מיט'ן שיעור, וועט ער דארפן גיין אין ענינים פון מסחר אין ענינים פון די שטעלע וכיו"ב עניני הגוף, איז אפי' בשעת התפלה בשעת לימוד התורה האט ער בא זיך די מחשבות, ווי וועט ער זיך אופירען ווען ער וועט שוין קאנען צוקומען און עפעס טאן פאר'ן גוף.

ד.ה. אז עס ווערט דער איפה ואיפה אבן ואבן אין א היפך'דיקען וועג אז כל היום כולו איז ער מבולבל ומושקע אין די ענינים פון צרכי הגוף און אז עס קומט צו צרכי הנשמה איז אפי' די שעות וואס ער גיט אפ אויף הנשמה ועניני', איז דאס בא עם דעמאלט אויך מבולבלים מצד דעם ענין וואס ער וועט דערנאך דארפן טאן פאר'ן גוף.

וואס דאס איז א פארקערטער אין דער ענין פון אסר לן כוותי' אין דער ענין פון איפה ואיפה אז דער גוף איז בא עם א שטענדיקע זאך, און די נשמה האט ער לזמנים קבועים, בשעת התפלה אויך מיט מחשבות המבלבלות, ועד"ז בשעת לימוד התו' ועד"ז בשעת

קיום המצות.

וואס דאס איז דאך דער טייטש וואס מ'ברייבגט אין חסידות אויף הלומד תורה לפרקים, אז דער וואס לערענט תורה אין די באשטימטע צייטען, און צווישען איין שיעור מיט'ן צווייטען איז פאר עם די תורה ניט במציאות, איז דעמאלט האט ער דעם און דעם עונש ווי מ'איז דארט מבאר.

וואס דורך דערויף וואס עס איז דא דער חטא אין עניני משקלות, אז בשעת עס דארף זיין דער איפה פון דער בפה"א האט ער איין צוגאנג אז דא איז וויפיל ער גיט איז צופיל, בשעת עס קומט צוגיין איז בא א פארקערטער איפה אז וויפיל ער האט איז אלץ צו ווייניג, איז דאס עפעבט אוף א לעכעל, א שפארינקע, ביז א טיר דורך וועלכע עס קאן דער יצה"ר ארייך גיין, וואס דעמאלט שלעפט ער מיט מיט זיך עמלק'ן וועלכער לאזט ניט מקבל זיין תורה.

און אזוי איז דאס בכל דור ודור, אזוי ווי עס איז געווען אנהויבענדיק פון דורו של משה, איז דאך ווי ער זאגט פאר דעם ענין פון ויבוא עמלק אז אזוי ווי עס איז געווען היש הוי' בקרבנו אם אין, אז עס איז געווען בא אידען אזוינע אפי' בדורו של משה, וואס בא זיי איז ארייך געפאלען א ספק "היש הוי' בקרבנו אם אין", צי מיר געפינען זיך אונטער די השגח"פ פון דעם אויבערשטען אדער מ'איז אבגעגעבן געווארען אין חוקי הטבע, ווי עס פירט זיך להבדיל מיט א ניט אידען אזוי פירט זיך מיט א אידען אויך, במילא וועט ער האבען מערער שכל וועט ער מער פארדינען, וועט ער מער הארעווען וועט ער מער פארדינען, וועט ער האלטען אפען פרייטאג ביינאכט אויך וועט ער האבען נאך א פאר סענט, ווארום להבדיל ביים גוי איז דאך דאס טאקע אזוי, איז וואס בא עם ער איז צוזאמען מיט'ן אויבערשטען איז דאס דער היפך, אין דערויף ווארפט ער ארייך א ספק צי היש השם בקרבנו אם אין.

וואס דאס איז וואס עס שטייט אין ספרים אז עמלק איז בגימט' ספק, עמלק קומט ניט צוגיין אין אנהייב און זאגט הער זיך איין דאס וואס מ'האט דיר געזאגט אין חדר איז האט א היפך, ער זאגט באטראכט זיך מיט'ן אייגענעם שכל צי דאס איז אזוי, און כ"ז דו וועסט זיך ניט ארייננטראכטען אין דעם איז דאס א ענין פון א ספק.

און דאס עפענט אויף א וועג, ווי ער זאגט גלייך היש הוי' בקרבנו אם אין איז גלייך ויבוא עמלק דא האט ער געפונען אן אפענע טיר און האט זיך ארייך געשפארט אויף ניט לאזען גיין צו הר סיני הערען דעם אנכי השם אלקיך וואס דאס איז מכריז בכל יום ויום בא יעדען אידען בנשמתו פנימה.

און ע"ד ווי עס איז געווען בדורו של משה ובדורו של יהושע אזוי איז דא אין די אלע דורות שלאח"ז.

חכמת הרפואה אין די לעצטע יארען האט אויפגעדעקט א סברא וואס עס שטייט אין תורה נאך מיט טויזענטער יארען צוריק און דאס ווי מ'האט דאס אבגעטאן און באשריבען באריכות אין כמה ספרים און כמה פרקים.

אז בשעת מ'איז מסביר דעם חולה פארוואס ער איז ניט געזונט און וואס איז די סיבה פון וועלכע ער איז געווארען ניט געזונט און ווי אזוי ער איז דערצו געקומען איז דאס גיט כח דעם חולה אז ער זאל אנהייבען היילען און ער זאל ווערען געזונט.

וואס דאס איז וואס תורה האט מיט טויזענטער יארען צוריק, האט דאס תורה ארויסגעגעבן דעם כלל, אז עס איז דא כמה פרקים וענינים בתורה וואס זיי זיינען מבאר סיבת המחלות, מ'רעדט גארניט וועגען דעם ענין פון רפואה, מ'זאגט ווי אזוי קומט מען צו א חולי. און אין דערויף איז דא צוויי ענינים ניט נאר באווארענען ער זאל ניט צולאזען די סיבה במילא וועט ער בלייבען געזונט, נאר אפי' לאח"ז שכבר נחלה בשעת ר"ל עמיצער איז אויך ניט געזונט, איז דעמאלט איז מען עם מסביר פון וואס האט זיך גענומען די סיבה פון וועלכע ער איז געווארען ניט געזונט, במילא גיט דאס עם און א וועג און דאס גיט עם א ליכטיגקייט ווי אזוי ער זאל וויסען אז ער קאן זיך אויסהיילען.

און דאס איז וואס מ'האט געגעבען די צוויי הוראות, ווי אזוי קאן א יצר הרע לכתחלה צוקומען צו א אידען, איז בכדי דאס צו שולל זיין דארף מען וויסען זיין אז די התחלת הייבט זיך אן פון חטא המשקלות, וואס מען האט איין צוגאנג ווען עס קומט



הנחה פרטית בלתי מוגה

צו צרכי הגוף, און א צווייטען לגמרי א אנדער צוגאנג ווען עס קומט צו צרכי הנשמה, און ניט אז דאס רעדט זיך אז ער טוט פארקערט ווי עס שטייט אין שו"ע, טוען טוט ער ווי עס שטייט אין שו"ע, ער טוט דאס אבער מתוך ספק, ער שטייט אין א ספק היש הוי' בקרבנו אם אין, אפשר איז ככל הגוים בנ"י, עס הייבגט אפ אין זיין הנהגה אין זיין כח ועוצם ידו, ע"ד ווי דאס איז בא אידואן.

און וויסענדיק די סיבה גיט דאס גלייך די רפואה פון ושב ורפא לו, אז בשעת מ'איז שולל די סיבות איז דעמאלט איז ורפא לו ווי די גמ' זאגט אין יומא פריער אין א אופן וואס דאס ווערט אנגערופען בשם רפואה וואס זדונות נעשו לו כשגגות, וואס דעמאלט איז דאך נאך דער שם המחלה עליו, דערנאך קומט מען צו א העכערען אופן וואס דאס איז זדונות נעשו לו כזכיות, וואס דאס טוט דאך אויף יום הכיפורים, וואס דאס איז דאך מער ניט ווי כפורים, עאכו"כ ע"י העבודה פון ימי הפורים, דעמאלט דערגרייכט מען דאס נאך אין א טיפערען אופן אז עס ווערט ליהודים היתה אורה שמחה וששון ויקר אין א אופן פון ונהפוך הוא אז די אלע ענינים וואס ווערען אנגערופען יגון ואבל ווערען נהפך לשמחה ויו"ט ביז וואנעט אז מ'פועל'ט אויף אז אפי' די עמי הארץ מתיהדים כי נפל פחד היהודים עליהם, און מ'ברייבגט אראפ בגלוי דעם וראו כל עמי הארץ כי שם השם נקרא עליך ויראו ממך וואס דאס וועט זיין בקרוב בביאת משיח צדקנו.

* * *

ד. ע"ד ווי עס איז דא דער ענין פון איפה ואיפה אין כללות ענין פון תומ"צ, ע"ד ווי עס איז דא דער ענין פון איפה ואיפה בנוגע צו חינוך הבנים והבנות, און די באציאונג פון די עלטערען דערצו, עד"ז איז אויך דא דער ענין פון איפה ואיפה וואס מ'דארף באווארענען בנוגע אין דער באציאונג פון די מחונכים דערצו.

אמאליקע צייטען ווען קינדער האבען אלץ געטאן וואס עלטערען האבען פון זיי געוואלט און ס'איז קיין זאך ניט געטאן געווארען ביי זיי ע"ד עצמו פון זיך אליין, האט מען געדארפט באווארענען דעם ענין פון איפה ואיפה מערניט ווי בא עלטערען.

אין עקבתא דמשיחא זאגט דאך די גמ' אין סוף סוטה אס דעמאלט איז דא דער ענין פון בת קמה באמה און דער נערים פני זקנים ילבינו, וואס דאס איז דאך דא אויך אין קדושה, אז די עלטערען זיינען דערוויילע ביי זיי נאך ניט צוגעגרייט אויף מקיים זיין אלע מצות מיט אלע הידורים עד הפרט הכי קטן, זעט מען דאך איצטער, און גראדע אין די לעצטע יארען אז עס איז דא קינדער וואס גייען טיפער און העכער און פארלאנגען דאס אויך פון זיך און אויך פון די עלטערען, לייגט דאס ארוף אויף די היינטיגע קינדער אויף די היינטיגע יוגענט א ענין נוסף.

אז וויבאלד אז זיינען געוואינט אז זיי זאלען טאן זאכען ווי בא זיי קומט אויס, אפי' ניט פרעגענדיק בא די עלטערען, מ'רעדט ניט אויף טאן פארקערט, מ'פילט אז מ'דארף דוקא קיין פרעגען אדער ווארטען ביז דער טאטע מיט דער מאמע צי דער זיידע מיט דער באבע וועלען זיי זאגען, נאר מ'קלייבט זיך אליין אויס א וועג און דערנאך קומט מען צוגיין און מ'דערציילט און מ'בעט א הסכמה. ווארום אטו ברשיעי עסקינן, מ'רעדט דאך וועגען יוגענט וואס זיינען פיינע און בני מדות טובות וכו' וכו', איז אויב בא זיי איז דער צוגאנג צו ענינים פון צרכי הגוף, און צו די ענינים פון מדעים, פון חכמות, וואס זיי זיינען פארבונדען מיט צרכי הגוף, איז דאך עאכו"כ אז אין א פיל גרעסערער מאס דארף דאס זיין ביי זיי דער צוגאנג אזוי בנוגע צו לימודי קודש און בנוגע צו כללות ההנהגה בדרך התורה והמצוה.

ד.ה. אז פונקט אזוי ווי עס רעדט זיך וועגען בילדונג וואס איז פארבונדען מיט חוקי המדינה, איז דאך קיין ספק ניט ביי דעם מחונך, ביי דעם קינד, אז ער טאר ניט גיין אנטקעגען דעם חוק המדינה, וואס די חוקים זיינען דאך געמאכט געווארען דורך א בשר ודם, עאכו"כ אז עס דארף זיין דער יחס דער איפה נאך אין א גרעסערע מאס צו די חוקים וואס זיינען געגעבען געווארען דורך ממה"מ הקב"ה בנוגע צו לימוד התורה און דער לימוד זאל זיין אין א אופן שמביא לידי מעשה בהנהגה יום יומית.

עד"ז ווי בשעת עס רעדט זיך וועגען אויסקלייבען זיך וואס פאר א "טאי" ער זאל



הנחה פרטית בלתי מוגה

טראגען אדער וואס די פארב פון די זאקען זאלן זיין, וועט ער דאך ניט ווארטען ביז דער טאטע אדער די מאמע וועלען דאס פאר עם אויסקלייבען, נאר ער וועט אליין חוקר ודורש זיין וואס זאגט איצטער א גוי אין פאריז וואס דארף זיין די פארב פון די זאקען אדער פון דעם טאי, און דעמאלט וועט ער גיין און מאנען געלט, צו פארדינען געלט, כדי ער זאל ממלא זיין די מאדע וואס א גוי צי א גויע להבדיל איז איינגעפאלען במחשבתם אז אזוי איז צוגעפאסט אויף די עטליכע חדשים.

עאכו"כ להבדיל דארף ער ניט ווארטען ביז וואנעט דער טאטע און די מאמע וועלן קומען צוגיין און דערציילען הער זיך איין אזוי ווי דו ביסט בן אברהם יצחק ויעקב און אזוי ווי דו ביסט א בת שרה רבקה רחל ולאה, אשר לכן דארפסטו זיין ראוי און צוגעפאסט צו זיין זייערע א איינִיקעל אדער זייער א אור איינִיקעל, אשר לכן דארפסטו זיך אופפירען אין דעם וועג ווי אברהם האט אנגעזאגט כי ידעתיו אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו אז זאלן גיין אין לעשות צדקה ומשפט ושמרו דרך הוי' לעשות צדקה ומשפט

און אזוי ווי בנוגע צו זיינען צרכי הגוף לייגט ער דאס ניט אפ אויף מארגען דאס וואס ער קאן טאן היינט, מיט דער האפענונג אז מארגען וועט ער מאנען נאך עפעס, עד"ז און עאכו"כ דארף דאס זיין אין צרכי הנשמה.

און דאס איז תביעה ביחוד אין די דורות וואס א בן איז א באזונדער זאך און א בת איז א באזונדער זאך און כלה וחמותה איז א באזונדער זאך, און דאס האט מען שוין אנגענומען אז אזוי איז דאס צוגעפאסט, איז עאכו"כ אז דאס דארף די יוגענט אויסנוצען בהנוגע צו זייער אייגענעם חינוך אין דרך תורתנו תורת חיים, ובהנוגע די מצות אויף וועלכע עס שטייט וחי בהם, וואס דאס איז דאך א אייביקער לעבן ניט נאר אין עוה"ב נאר אויך אין עוה"ז, אז ניט ווארטען ביז וואנעט דער טאטע אדער די מאמע וועלען צו זיי קומען צו גיין אדער א מגיד מישרים אדער א ספיריטשעל לידער מיט ד'אלע טיטולע'ן וואס מ'האט דאס א נאמען געגעבען אין די איצטיקע דורות, נאר פון זיי דארף זיך אנהייבען דער שטורעם אז וויבאלד אז מ'האט אזויפיל טעג און חדשים און יארען פארלארען, דארף דאס איצטער זיין אין א וועג ווי דער אלטער רבי שרייבט אין אגה"ת אז אם הי' רגיל אויב ער וואלט געגאנגען אין א געוויינליכען וועג איז דעמאלט איז אפשר גענוג ללמוד דף אחד, וויבאלד אז ער איז ניט געגאנגען אין די וועג אין וועלכען ער דארף זיין רגיל דארף מען האבען ב' דפים בכפלים לתושי'.

און דעמאלט טוט מען אוף דעם והשיב לב אבות על בנים און דערנאך לב בנים על אבותם, אז די יוגענט הייבט אוף דעם גאנצען שטורעם און שטעלט איבער דעם דור אז עס זאל ווערען א דור דיעה, דע את הוי' אלקיך ועבדהו בלבב שלם, ביז אין עניני הרשות, אז עס וועט זיין דער אמת'ר דעת און דער אמת'ער חכמה, וואס דאס וועט אראפברייִנגען די גאולת כאו"א בעניניו, אז מ'וועט זיך אליין אוועקשטעלן אין די ריכטיקע וועגן אויף האבען א גוטען לעבן סיי ברוחניות און סיי בגשמיות, וואס די גאולה הפרטית וועט ממהר זיין און מקדים זיין די גאולה הכללית של כללות בנ"י.

והמורם מכל האמור - עס איז דאך געווארען א סדר אז יעדע זאך דארף מען דערנאך פארטייטשען - אז די יוגענט פון גיל שהגיעו לחינוך, וואס דאס האט מען דאך שוין איינגעפירט אין ארה"ב אז א קינד באלד אז יכול לדבר זאגט ער שוין א דיעה ווי מ'דארף זיך מיט עם פירען, ביז וואנעט עס האבען זיך געפונען מחנכים וואס זיי האבען דאס אריינגעשטעלט אין א תורה שלמה פון זייער שיחה בטילה אז א קינד דארף מען נאך-געבען, ווייל אז ניט קוועטשט מען עם פונקט פארקערט ווי עס שטייט פון חשך שבטו שונא בנו, אבער מ'האט דאך דאס שוין געמאכט אין אסר לן כותי' איז זאל מען דאס אויסניצען אין שרא לן כותי' אז פון באלד פון הגיע לחינוך זאלן זיי קומען מיט דער דרישה אז מ'מוז זיי מחנך זיין בדרך אבותינו אברהם יצחק ויעקב און שרה רבקה רחל ולאה, און זיי וועלען זיין די תינוקות של בית רבן, וואס קולם עולה עד לפני כסא הכבוד, און דער אויבערשטער פרעגט מה קול גדיים אלו, און דאס ברעכט אלע גזירות, ובעיקר די גזירה העיקרית פון דעם גלות, און ברייִנגט אראפ משיח צדקנו און מיט'ן ביהמ"ק וואס דארט וועט מען בקרוב מקריב זיין דעם עומר, ווי די גמ' דערציילט אין מגילה אז דאס האט מרדכי געלערענט מיט די קינדער אויף מבטל זיין די גזירת המן, וואס דאס איז דער ענין פון מיסמך גאולה לגאולה גאולת פורים לגאולת פסח, וואס גלייך אויף מארגען ברייִנגט מען דאך דעם קרבן העומר, און דאס איז דערנאך ממשיך די ברכה ביז אין בפה"ב, שעורים מאכל בהמה היא, אז עס וועט זיין דער ונגלה כבוד



הנחה פרטית בלתי מוגה

הוי' וראו אפי' כל בשר הגוף הגשמי וועט מען זען אז כי פי השם דבר.

ה. (הפסיק ואמר:) איך וויל נאר מוסיף זיין נאך איין הערה, אז לויט א "בוירט סערטיפעקט" איז תינוקות של בית רבן האט א באשטימטען גיל וואס ענדיגט זיך דער ענין אויף דערויף האט דער רבי אמאל מסביר געווען אז ס'איז דא א דין מיט ווייסע בערד, וואס זיי זיינען נאך מצד וויפיעל צייט, וויפיל יארען, האלטען זיי נאך אין אבהייבם גיין אין חדר. וואס דערפון איז דאך פארשטאבדיק אז דאס איז א גיל פון תינוקות של בית רבן איז די אלע תשב"ר - לויט דעם רבי'ן - דעם בשיא'ס ביאור - אפי' די וואס שטייען בגדר ספק איז דאך דאס א ספק אין א ענין דאורייתא, וואריום לימוד התו' איז דאך דאס א ענין וואס דאס איז חיוב מה"ת, זאלען אלע זאגען לחיים, און בקרוב זאל זיין דער ענין פון בשמחה תצאו ובשלום תובלון און די אייגענער הגבלות וועט דער אויבערשטער מקיים זיין זיין הבטחה בשמחה תצאו פון די הגבלות פון גוף הגשמי מיט'ן גלות בגאולה האמיתית והשלימה.

און כלשון המדרש "ואני המתחיל" לחיים לחיים.

(התחיל בעצמו לנגן כי בשמחה תצאו).

(צוה לנגן הבינוני).

* * *

ו. צוה לנגן ניגון קודם דא"ח, ואמר מאמר ד"ה ויאמר משה אל יהושע בחר לנו אנשים.

* * *

ז. מ'האט גערעדט כמה פעמים אז יעדער ענין אין תורה איז דאס א הוראה און א אפלערנונג ניט נאר פאר גדולים און יחידי סגולה נאר תורה איז ווי דער רמב"ם זאגט על הרוב תדבר, אדרבה דאס רעדט זיך דוקא לגבי'ן רוב פון בנ"י, און דערפאר איז פאר יעדערען דא א אפלערענונג מכל ענין שבתורה, און ניט נאר פאר א איינצעלענעם פאל אין זיין לעבען נאר בחיינו היום יומים, און ווי באוווסט דער ווארט פון אלט'ן רבי'ן פנן לעבען מיט דער צייט, מיט די ענינים שבתורה וואס מ'לייענט אדער מ'לערענט אין די זמנים.

וואס אין ימי הפורים איז דאך דער חלק התורה וואס דעמאלט לערענט מען און מ'לייענט איז דאס מגלת אסתר און די פרשה פון ויבוא עמלק, און ווי אויך דערמאנט אין די רשימה אז אע"פ וואס דער ענין פון קרה"ת שטייט אויף דערויף דער לשון אז דאס איז פון די תקנות וואס תיקן משה, אדער ווי אמאל שטייט דער לשון די נביאים וואס בדורו של משה, ועד"ז אויך איז דאך דער ענין פון מגילת אסתר איז דאך דאס אויף וואס מ'האט געבעטען און דערנאך האט מען אויפגעטאן א מצוה מד"ס, איז אויף מגלת אסתר דערציילט הי' גמרא אז מ'האט דאס געפונען בתורה כתב לך זכרון בספר וואס דאס איז די ראי' אויף קריאת מגלת אסתר מה"ת, ועד"ז אויך אויף כללות ענין פון קרה"ת, ווערט דאך געבראכט אין ראשונים און ווי דער רמב"ם פסקנ'ט אפ להלכה אז די ברכות התורה איז דאס ברכת המצות. וואס דערפון איז דאך פארשטאנדיק אז קרה"ת איז דאס א ענין וואס דאס איז ניט סתם א תקנה, נאר דאס ווערט אויך אנגערופען בשם מצוה. און ווי דער בעש"ט טייטשט דאך אז מצוה איז מל' צוותא וחיבור דורך דערויף ווערט א איד, דער מקיים המצוה, מתחבר מיט דעם אויבערשטען וואס ער האט אנגעזאגט די מצוה.

וואס דערפון איז פארשטאנדיק אז די סיפורים פון מגילת אסתר איז קאן מען פון זיי אפלערנען יעדערער בעבודתו אויך איצטער.

וואס אין די סיפורים איז דא א ענין וואס איז אינגאנצען ניט פארשטאנדיק: אין מגילה דערציילט ער אז ווען מרדכי האט געדארפט פועל'ן בא אסתר'ן אז זי זאל גייען צו אחשורוש המלך און זי זאל ריידען מיט עם ווי אזוי מבטל צו זיין די גזירה פון אלע אידען, און זי האט מסביר געווען אז עס איז א ספק גדול צי זי וועט מצליח זיין



הנחה פרטית בלתי מוגה